# דער אמת וועגן
# מענטהאל טאבאקא פראדוקטן

## וואס איז מענטהאל?

מענטהאל איז א מינט-פלעיווער סובסטאנץ וואס מען לייגט צו צו טאבאקא פראדוקטן וואס פארדעקט די שארפקייט פון רייכערן.

### פארוואס איז מענטהאל א פראבלעם?

מענטהאל ציגארעטלעך זענען פונקט אזוי שעדליך ווי נישט-מענטהאל ציגארעטלעך, אבער די צוגעלייגטע מענטהאל **מאכט גרינגער פאר צענערלינגען אנצוהויבן רייכערן.** רייכערן קען פאראורזאכן איבער 10 סארטן קענסער, הארץ קראנקהייט, סטראוק, צוקער קראנקהייט און פיל אנדערע קראנקהייטן.



### מענטהאל מאכט יונגע מענטשן צוגעוואוינט צו טאבאקא.

- האט איר געוואוסט אז אין די לעצטערע יארן האבן **איבער האלב** פון יוגנטליכע אין ניו יארק סיטי וועלכע רייכערן ציגארעטלעך געוועהנליך גערייכערט מענטהאל ציגארעטלעך?
- יונגע מענטשן וועלכע רייכערן מענטהאל ציגארעטלעך ווייזן מער צייכנס פון זיין צוגעבינדן צו ניקאטין ווי די וועלכע רייכערן נישט-מענטהאל ציגארעטלעך.

### די טאבאקא אינדוסטריע אדווערטייזט מענטהאל טאבאקא פראדוקטן פאר צענערלינגען און טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס.

- מארקעטינג וואס איז געצילט צו טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס האבן בייגעשטייערט צום העכערונג אין מענטהאל באנוץ צווישן שווארצע וואס רייכערן פון **5%** **אין די 1950 יארן צו 85% דורכאויס דעם לאנד היינט צוטאגס**. 89% פון שווארצע ערוואקסענע וועלכע רייכערן און 68% פון לאטינא ערוואקסענע וועלכע רייכערן נוצן מענטהאל ציגארעטלעך אין ניו יארק סיטי.
- די טאבאקא אינדוסטריע מאכט מענטהאל ציגארעטלעך אלס אן **"אנהויב" פראדוקט** צו מאכן יונגע מענטשן צוגעוואוינט צו טאבאקא.

### ווי אזוי טוט די טאבאקא אינדוסטריע פארקויפן מענטהאל ציגארעטלעך?

- יעדעס יאר, טוען די גרעסטע טאבאקא פירמעס אין די פאראייניגטע שטאטן אויסגעבן נאנט צו **8 ביליאן דאלער אויף** מארקעטינג פאר אלע טאבאקא פראדוקטן. דאס איז כמעט $1 מיליאן א שעה!
- מער ווי איין פון יעדע דריי ציגארעטלעך וואס ווערן פארקויפט אין די פאראייניגטע שטאטן זענען מענטהאל ציגארעטלעך.

### וואס קענען קאמיוניטיס טון?

- קאמיוניטי און גלויבן-באזירטע ארגאניזאציעס דורכאויס דעם לאנד האבן זיך ארגאניזירט זיך צו קעגנשטעלן צו מענטהאל טאבאקא אין זייערע געגנטער.
- מערערע סיטיס אין די פאראייניגטע שטאטן, אזוי ווי סאן פראנציסקא און מיניאפאליס, האבן דורכגעפירט פארבאטן אויף מענטהאל און אנדערע פלעיווארד טאבאקא פראדוקטן אדער באגרעניצן דעם פארקויף פון מענטהאל טאבאקא פראדוקטן נעבן שולעס און פארקס.

פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע רויך-פרייע אדוואקאסי גרופע אדער אימעיל'ט **tobacco@health.nyc.gov** צו אויסגעפינען וואס איר קענט טון צו באקעמפן טאבאקא אין אייער קאמיוניטי.

NYC Health